תּוֹרָה אִיז "אֱמֶת". אֱמֶת אִיז פוּן אַלֶ"ף בִּיז תָּי"ו, פוּן דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת בִּיז דִי נִידֶערִיקְסְטֶע. פוּן אֵיין זַיְיט זָאגְט מֶען אַז תּוֹרָה אִיז עוֹמֶק רוּם, הֶעכֶער פוּן לֵידַע אֶת הַמַּעֲשֶׂה, הֶעכֶער פוּן עִנְיָנִים וואָס זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיט עֲשִׂיָּה; פוּן דֶער צְווֵייטֶער זַיְיט אִיז דָא תּוֹרָה אוֹיךְ אִין עוֹמֶק תַּחַת בִּיז קְטַנִּים שֶׁפְּטוּרִים מִן כָּל הַמִּצְוֹות.

## One Essence, Applying Universally

**11. This also explains why we find the expression "make the Torah great and glorious" used in reference to two opposite extremes.**

**In one source,[37] this expression is used regarding teachers of young children – that the concept of encroaching on someone else's livelihood does not apply** regarding opening up a competing school for young children, **because** doing so **"make[s] the Torah great and glorious." This refers to** teaching children at **their beginning stage of study, the "depths of the low."**

**In a second source,[38] it is mentioned regarding the signs of a kosher fish; the *Gemara* states that any** fish **that has scales also has fins, and asks:** Why then does the Torah **also mention fins?** It answers: **To "make the Torah great and glorious."**

**Here, we are speaking about** studying **Torah for its own sake, a loftier** level **than for the purpose of knowing how to conduct oneself.**

**On all levels of Torah study, from the loftiest level to the lowest, the concepts of "mak[ing] the Torah great and glorious" and "It is Me that you are taking" apply.**

יא. דָאס אִיז אוֹיךְ אַ הֶסְבֵּר אוֹיף דֶערוֹיף וואָס מִיר גֶעפִינֶען דֶעם לָשׁוֹן "יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר" אִין צְווֵיי קְצָווֹת הָפְכִיִּים.

אִין אֵיין אָרְט[כט] שְׁטֵייט דֶער לָשׁוֹן לְגַבֵּי מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת - אַז דֶערְבַּיי גֵייט נִיט אָן קֵיין הַשָּׂגַת גְּבוּל, ווַיְיל יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר. דָאס אִיז דָאךְ אַן אוֹפֶן פוּן רֵאשִׁית תְּחִלַּת הַלִּימּוּד, עוֹמֶק תַּחַת.

אִין אַ צְווֵייטְן אָרְט[ל] רֶעדט זִיךְ עֶס לְגַבֵּי סִימָנֵי דָג טָהוֹר. זָאגְט דִי גְמָרָא, כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ קַשְׂקֶשֶׂת יֵשׁ לוֹ סְנַפִּיר, און צוּלִיב וואָס שְׁטֵייט אוֹיךְ סְנַפִּיר - צוּלִיב יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר. דָא רֶעדט מֶען שׁוֹין ווֶעגְן אַן עִנְיָן פוּן תּוֹרָה מִצַּד עַצְמָהּ, הֶעכֶער פוּן לֵידַע אֶת הַמַּעֲשֶׂה.

און אִין אַלֶערְלֵיי אוֹפַנִּים אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה, פוּן דֶעם הֶעכְסְטְן אוֹפֶן בִּיז דֶעם נִידֶערִיקְסְטְן, זָאגְט מֶען "יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר" און "אוֹתִי אַתֶּם לוֹקְחִים".

---

35. In the original, *omek rom,* "the depths of the heights," an expression found in *Sefer Yetzirah* 1:5

36. An antonym to the above expression found in the same source.

37. ***Rambam, Hilchos Talmud Torah*** 2:7, based on *Bava Basra* 21b.

38. ***Chulin* 66b.**

**This is also the meaning of the teaching,**[39] **"'G-d is close to all who call upon Him, to all who call upon Him in truth,'**[40] **and there is no 'truth' other than the Torah."**[41] This means **that, on all levels, "G-d is close"** to **"'all who call upon Him with truth,' the Torah."** When studying Torah, **one grasps** G-d's **Essence, and regarding** G-d's Essence – **"When you grasp part of the essence, you grasp it all."**[42] **The essence is the same everywhere.**

דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס עֶס שְׁטֵייט: קָרוֹב ה׳ לְכָל קוֹרְאָיו לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאוּהוּ בֶאֱמֶת, וְאֵין אֱמֶת אֶלָּא תּוֹרָה, אַז אִין אַלֶערְלֵיי אוֹפַנִּים, לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאוּהוּ, מִיט אֱמֶת וָואס דָאס אִיז תּוֹרָה, אִיז קָרוֹב ה׳, נֶעמְט מֶען עַצְמוּת, וָוארוּם הָעֶצֶם - כְּשֶׁאַתָּה תּוֹפֵס בְּמִקְצָת מִן הָעֶצֶם אַתָּה תּוֹפֵס בְּכֻלּוֹ[לא], דֶער עֶצֶם אִיז אוּמֶעטוּם דֶער זֶעלְבֶּער.

## Blessings for New Birth

**12. May G-d grant that we engage in studying the Torah in all** different **types of manners and may all of them be carried out in a way that "make[s] the Torah great and glorious,"** *Torah lishmah.* **Such study will lead to birth** – the natural consequence **that results from "the day of His wedding … the Giving of the Torah."**[43] Just as a child resembles his parents, through our Torah study, **we will** "bring about birth," i.e., **accomplish the building of the world,**[44] creating a dwelling for G-d – **one that resembles His Essence. We will transform the lower realm – and by transforming the lower realm,** we will transform **also the upper realm – into a dwelling for G-d, blessed be He.**

יב. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן, מֶען זָאל טָאן אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה, אִין אַלֶערְלֵיי אוֹפַנִּים, אוּן אִין זֵיי אַלֶע בְּאוֹפֶן פוּן יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר, וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיְין דִי הוֹלָדָה וָואס קוּמְט פוּן יוֹם חֲתֻנָּתוֹ זֶה מַתַּן תּוֹרָה - בְּדוֹמֶה לְעַצְמוּתוֹ יִתְבָּרֵךְ, אוּן מֶען וֶועט דוּרְכְטָאן דֶעם בִּנְיַן הָעוֹלָם[לב], מֶען וֶועט מַאכְן פוּן דֶעם מַטָּה, אוּן דוּרְךְ דֶעם מַטָּה אוֹיךְ פוּן דֶעם מַעְלָה, אַ דִירָה לוֹ יִתְבָּרֵךְ.

---

39. See *Likkutei Torah, Vayikra* 3a, *et al.,* which couples the two sources that follow. At the *farbrengen* when this *sichah* was delivered, the Rebbe also recited a *maamar* focusing on this teaching. See *Tanya,* the end of ch. 37.

40. *Tehillim* 145:18.

41. *Eichah Rabbah, Pesichtah* 2, *et al.*

**42. A teaching of the Baal Shem Tov, cited in the *maamar* entitled *HaShamayim Kisi* 5668,** printed **in the series of *maamarim* entitled *Yom Tov shel Rosh HaShanah, 5666,* p. 522;** included in *Kesser Shem Tov, Hosafos,* sec. 227.

43. *Taanis* 26b.

**44.** Commenting on the verse (*Chavakuk* 3:6), *vechol baniach limudei Hashem,* "And all your children will be students of G-d," our Sages (*Kerisos* 6a-b) state, "Do not read *banayich* ('your children'), but *bonayich* ('your builders')," and explain that **Torah scholars are referred to as "builders." The concepts of birth and building in general were explained at length in the *sichah.* This is not the place** for further discussion of the matter. See also *Likkutei Sichos,* Vol. 18, pp. 33-34, where the Rebbe further develops the points mentioned here in a different context.

ז) חלק ג צו, א, עיין שם באריכות. זע אויך הוספות לתורה אור סוף פרשת יתרו.
ח) יומא לז, א.
ט) פאה פרק א משנה א.
י) קידושין מ, ב.
יא) זהר חלק א קע, ב.
יב) תניא פרק נא.
יג) זע לקוטי תורה במדבר יב, א און ווייטער.
יד) שמות רבה פל"ג, ו (בשינוי לשון). תניא פרק מז.
טו) תניא פרק כג בשם הזהר.
טז) יומא לה, ב.
יז) יהושע א, ח.
יח) במדבר טו, לא. סנהדרין צט, א.
יט) ברכות ה, ב.
כ) פרה פרק ח משנה ט.
כא) משלי יב, יט. זע אויך תניא פרק יג.
כב) סנהדרין פ"א ה"א.
כג) קידושין לג, א.
כד) זע שולחן ערוך לאדמו"ר הזקן אורח חיים סימן שמ"ג. תניא הקדמה לחלק ב. ואין כאן מקומו.
כה) לשון רבנו הזקן בשלחנו פרק א מהלכות תלמוד תורה ס"א.
כו) רמב"ם הלכות תלמוד תורה פרק א ה"ג. זע פסקי דינים להצמח צדק דארט.
כז) שיר השירים רבה פ' א' ד, א.
כח) זע אויך לקו"ש ח"א ע' 110.
כט) רמב"ם הלכות תלמוד תורה פרק ב הלכה ז.
ל) חולין סו, ב.
לא) מאמר הבעל שם טוב - געבראכט אין ד"ה השמים כסאי תרס"ח (בהמשך תרס"ו ע' תקכב).
לב) שתלמידי חכמים נקראים בנאין כו' וענין ההולדה והבנין בכלל - נתבאר בהשיחה בארוכה - ואין כאן מקומו.

# SHAVUOS III | חג השבועות ג

Adapted from a *sichah* delivered on *Shavuos,* 5718 (1958)

## Introduction

In the rich tapestry of the *Chabad* tradition, few innovations have had as profound and lasting an impact as the Previous Rebbe's establishment of daily *Chitas* study. This seemingly simple directive – to study designated portions of *Chumash*, *Tehillim*, and *Tanya* each day – became a cornerstone of *Chabad* spiritual life, binding thousands of chassidim worldwide to a shared rhythm of daily learning.

The devotion of chassidim to this regimen of study stems primarily from their *hiskashrus* ("bonds of connection") with the Rebbe. Needless to say, they appreciated the spiritual significance embedded in the daily study of these three texts and the valuable lessons to be derived from them, but the fundamental motivation for their commitment to studying these texts daily was their bond with the Rebbe.

In that vein, Reb Pinya Althaus, a devoted chassid, was known to say that when pressed for time, he might defer *Ashrei*, *U'va LeTziyon*, or other portions of the prayer service until later in the day, but his commitment to *Chitas* was non-negotiable, never to be compromised or postponed.

All three of the *Chitas* texts are intrinsically related to Shavuos: That festival marks the Giving of the Torah (i.e., *Chumash*). King David, the primary author of *Tehillim*, was born and passed on Shavuos. And the Baal Shem Tov, whose thought system is outlined in the *Tanya*, also passed on that day. Accordingly, every Shavuos, the Rebbe would emphasize why that festival provides a particularly auspicious time to strengthen our commitment to this study.

# So that Shavuos is Not Just One Day

## A Call to Study *Chitas* Daily

**1. Shavuos is an auspicious time to strengthen ourselves in the observance of the directive of my revered father-in-law, the Rebbe, regarding studying the** designated ***Chitas*** **lessons: the daily portions of *Chumash*, *Tehillim*, and *Tanya*.**

***Chumash*: Every day, a portion of the weekly Torah reading with *Rashi's* commentary: Sunday – until the second *aliyah*, Monday – until the third *aliyah*, and so forth.**

***Tehillim*: Every day after the morning prayers, readings from *Tehillim* as divided according to the days of the month.**

**(*Levush HaTecheiles 1:9* mentions reciting *Tehillim* before prayers, but that is a different matter. The directive of my revered father-in-law, the Rebbe, is to recite the daily *Tehillim* after prayers.[1])**

***Tanya*: Every day, a lesson in *Tanya* as it has been divided according to the days of the year.[2]**

**The *Chumash* was given on Shavuos through Moshe our teacher.**

***Tehillim* is connected to King David, and Shavuos is his birthday and the day of his passing.[3]**

**And *Tanya* is connected to the Baal Shem Tov because the revelation of the Baal Shem Tov's teachings comes through *Chabad Chassidus* and**

א. שָׁבוּעוֹת אִיז אַ זְמַן מְסוּגָל צוּ שְׁטַארְקְן זִיךְ אִין אָפְּהִיטְן דִי תַּקָּנָה פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר בְּלִימּוּד הַשִּׁיעוּרִים, חוּמָשׁ תְּהִלִּים אוּן תַּנְיָא בְּכָל יוֹם. חוּמָשׁ: אַלֶע טָאג אַ פַּרְשָׁה חוּמָשׁ מִיט פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י: זוּנְטִיק - בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטִיק - בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייְטֶער. תְּהִלִּים: אַלֶע טָאג נָאכְן דַאוְונֶען אִין דֶערְפְרִי אַ שִׁיעוּר אִין תְּהִלִּים ווִי עֶר אִיז אַייְנְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן חוֹדֶשׁ. - אִין "לְבוּשׁ" שְׁטֵייט וֶועגְן זָאגְן תְּהִלִּים פַארְן דַאוְונֶען, אָבֶּער דָאס אִיז נָאךְ אַן עִנְיָן. דִי תַּקָּנָה פוּן כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ"ר אִיז, צוּ זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים נָאכְן דַאוְונֶען[לג]. - תַּנְיָא: אַלֶע טָאג אַ שִׁיעוּר אִין תַּנְיָא כְּפִי שֶׁנֶּחְלַק לִימֵי הַשָּׁנָה[לד].

חוּמָשׁ אִיז דָאךְ גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן בְּחַג הַשָּׁבוּעוֹת דוּרְךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

תְּהִלִּים אִיז דָאךְ שַׁייָךְ צוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ, ווָאס שָׁבוּעוֹת אִיז זַייְן יוֹם הוּלֶּדֶת וְיוֹם הַהִילוּלָא[לה].

אוּן תַּנְיָא אִיז דָאךְ שַׁייָךְ צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב (ווָארוּם גִּילּוּי תּוֹרַת הַבַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דוּרְךְ חֲסִידוּת חַבַּ"ד אוּן

---

1. **See the note appended to *Sefer HaMaamarim 5708,* p. 264,** regarding the Rebbe Rayatz's institution of this practice. That source distinguishes between the recitation of *Tehillim* as ordained by the Rebbe Rayatz and the time-honored custom of many to recite *Tehillim* before prayer.

2. There is a **study schedule** specifying the portions of *Tanya* to be studied each day included at the back of the printings of the *Tanya.*

3. **The *Talmud Yerushalmi,* cited by *Tosafos, Chagigah* 17a,** s.v., ***af beAtzeres,*** mentions David's passing on Shavuos. *Bechor Shor* on *Bava Basra* 13b mentions his birth on that day. See *Toras Menachem 5716,* Vol. 2, p. 333.

**through *Tanya* in particular.** This is seen[4] **in the approbation** of Rav Yehudah Leib HaKohen **to *Tanya*, "And now Yisrael** (an **allusion** to the Baal Shem Tov, whose name was Yisrael,[5]) **will rejoice in the revelation of his holy words." And Shavuos is the day of the passing of the Baal Shem Tov.**

**Therefore, now is a propitious time to strengthen oneself in these lessons, which are uniformly applicable to every individual, in addition to strengthening oneself in Torah study as a whole, each person according to his capacity. This is also self-understood as fitting for the festival of Shavuos, "the season of the Giving of our Torah,"** including **the entire Torah, even "every new (Torah) concept to be developed by an experienced Torah scholar."**[6]

**Observing the directive of the aforementioned lessons, will lead to *Chitas*[7] (an acronym for *Chumash*, *Tehillim*, *Tanya*), i.e., "the dread of G-d [will be] upon the cities."[8] We will "set out," journeying to *Eretz Yisrael* in tranquility with the coming of the complete and true redemption, as our patriarch Yaakov was told,[9] "Journey forth and let us go." And so will it be** – that **speedily in our days "saviors will ascend Mount Zion to judge Mount Esav."[10] By studying the Torah, observing the *mitzvos*, and following the aforementioned directives, we will draw down** the coming of **our *Mashiach* to our material world.[11] May this be speedily in our days.**

דורך תַּנְיָא בִּפְרַט, וּכְיָדוּעַ[לו] הָרֶמֶז אִין דֶער הַסְכָּמָה פוּן תַּנְיָא, "וְכָעֵת יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּהִגָּלוֹת דִּבְרֵי קָדְשׁוֹ"), וואָס שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער יוֹם הַהִילוּלָא פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

אִיז דָאךְ אִיצְטֶער אַ זְמַן מְסוּגָל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין דִי שִׁיעוּרִים, וואָס זֵיי זַיְינֶען שָׁוִים לְכָל נֶפֶשׁ, נוֹסָף אוֹיף דֶער הִתְחַזְּקוּת אִין שִׁיעוּרִים בַּתּוֹרָה בִּכְלַל, כָּל חַד לְפוּם שִׁיעוּרָא דִילֵיהּ, וואָס אוֹיךְ אוֹיף דֶערוֹיף אִיז זֶעלְבְּסְטְפַארְשְׁטֶענְדְלֶעךְ, פַּאסִיק דֶער זְמַן פוּן חַג הַשָּׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, גַאנְץ תּוֹרָה, אוֹיךְ כָּל מַה שֶּׁתַּלְמִיד וָתִיק עָתִיד לְחַדֵּשׁ.

אוּן דוּרְךְ שְׁמִירַת הַתַּקָּנָה פוּן דִי שִׁיעוּרִים הַנַּ"ל, וועט זַיְין דֶער "חִתַּת"[לז] (רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ח'וּמָשׁ תְּ'הִלִּים תַּ'נְיָא) אֱלֹקִים עַל הֶעָרִים", אוּן עֶס וועט זַיְין דֶער "וַיִּסָּעוּ", אַז מֶען וועט פָארְן מִתּוֹךְ מְנוּחָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּגְאוּלָּה הַשְּׁלֵמָה וְהָאֲמִתִּית, ווִי מֶען הָאט גֶעזָאגְט צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ נִסְעָה וְנֵלֵכָה, וואָס אַזוֹי וועט דָאךְ טַאקֶע זַיְין בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, וְעָלוּ מוֹשִׁיעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפּוֹט אֶת הַר עֵשָׂו, אַז דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַמִּצְווֹת, אוּן דִי אָפְּהִיטוּנְג פוּן דִי אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטֶע תַּקָּנוֹת, וועט מֶען מַמְשִׁיךְ זַיְין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה טְפָחִים בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

(משיחת חגה"ש, תשח"י)

---

4. See ***Likkutei Dibburim,* Vol. 1, p. 61a.**

5. Cf. *Tehillim* 149:2. In the published text of *Tanya,* the name Yisrael is printed in bold, highlighting this allusion.

6. The exact wording quoted is found in later Rabbinic writings. Although it is not found in any *Talmudic* or *Midrashic* source, similar and related statements are found in *Megillah* 19b; the *Talmud Yerushalmi, Peah* 2:4; *Shmos Rabbah* 47:1; *Vayikra Rabbah* 22:1; *Koheles Rabbah,* 1:9(2); 5:8(2), and other sources.

7. **See the *sichos* of the second day of *Shavuos,* 5796, *Sefer HaSichos 5796,* p. 145,** (p. 158 in the latest edition). In that source, the Rebbe Rayatz relates a vision one of the previous Rebbeim received regarding the added spiritual potential generated by the study of *Chitas.*

8. *Bereishis* 35:5, which describes how Yaakov and his household, "set out on their journey, and the dread (*chitas*) of G-d was upon the cities that were around them, and [their inhabitants] did not pursue the children of Yaakov."

9. Ibid. 33:12.

10. *Ovadiah* 1:21

11. In the original, the Rebbe uses the expression, *lemateh meiasarah tefachim,* literally meaning, "below ten handbreadths." See *Sukkah* 5a.

לג) זע אויך ספר המאמרים תש"ח ע' 462 בהערה.

לד) נדפס במורה שיעור.

לה) ירושלמי הובא בתוספות ד"ה אף עצרת, חגיגה יז, א.

לו) לקוטי דבורים ח"א סא, א.

לז) זע שיחת יום ב' דחג השבועות תרצ"ו (סה"ש תרצ"ו ע' 541).

# SHAVUOS IV | חג השבועות ד

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Shavuos, 5711 (1951)

## Introduction

The *sichah* that follows was delivered in the 1950s, when the American Jewish community was struggling to find its footing. The scars of the Great Depression lingered for some, while for others, the challenges of integrating into a new culture and environment were an ongoing struggle. Many prioritized establishing a firm material foundation – understandably so. Their Jewish life and heritage remained important to them, but the pressing need to stay afloat financially and more crucially, to secure a future for their children, consumed much of their focus. Torah study, though valued, often took a back seat to these seemingly more urgent concerns.

The Rebbe gently but firmly addressed this mindset. Rather than dismissing these legitimate worries, he reframed them entirely. Pointing to the setting where the Jewish people received the Torah – a desolate wilderness lacking the most basic provisions – he challenged his listeners to reconsider what truly makes spiritual growth possible. If G-d chose to give the Torah in a place devoid of material security, what does that teach us about the relationship between physical stability and spiritual commitment?

This question remains as relevant today as it was then. The *sichah* offers a timeless lesson – relevant not only when preparing to commemorate the Giving of the Torah on Shavuos, but when approaching our Divine service throughout the year.

# Where We Received the Torah

## Why in a Wasteland?

**1. The reason the Torah was given in the desert is to teach that just as a desert is an ownerless place – no one's** private **property – so too, no one is the** exclusive **owner of the Torah. Every Jew is** directly **connected to the Torah, and when he studies the Torah, the Torah becomes his.**

**However,** it can still be asked: **Why was the Torah given in a wasteland, "an arid and thirsty land without water,"**[1] a place **lacking clothes, food, and even water?** In the desert, the Jews were unable to secure even their basic necesssities on their own. For that reason, **as** the Torah relates, **the clothes the Jews** wore **grew with them** as they journeyed through **the desert.**[2] **They ate manna** from Heaven, **and G-d gave them water from a stone because there was nothing in the desert. Why was the Torah given in such a desolate wasteland?** What lesson can we learn from this?

When **the Torah provides an analogy, all its details are representative of the subject that it is intended to illustrate. Thus, we must say that all of these particular aspects that were found in the desert are connected to the Giving of the Torah. However, the above** answer **– that** the desert **is ownerless – relates to only one aspect, not to** all **the other points.**

א. דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם וָואס דִי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין מִדְבָּר אִיז צוּ וַוײַזְן אַז אַזוֹי ווִי אַ מִדְבָּר אִיז אַ מָקוֹם הֶפְקֵר, אָן אַ בַּעַל הַבַּיִת, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אוֹיף תּוֹרָה נִיטָא קֵיין בַּעַל הַבַּיִת און יֶעדֶער אִיד אִיז שַׁײַךְ צוּ תּוֹרָה, און וֶוען עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט דִי תּוֹרָה זַײַנֶע.

פַאְרוָואס אִיז אָבֶּער דִי תּוֹרָה גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין אַ מִדְבָּר אֶרֶץ צִיָּה וְעָיֵף בְּלִי מָיִם, אָן קְלֵיידֶער, אָן עֶסְן, און אֲפִילוּ אָן וַואסֶער, ווִי עֶס שְׁטֵייט אַז דִי קְלֵיידֶער זַײַנֶען מִיטְגֶעוואָקְסְן מִיט דִי אִידְן אִין מִדְבָּר, גֶעגֶעסְן הָאבְּן זֵיי דֶעם מָן און וַואסֶער הָאט זֵיי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן פוּן אַ שְׁטֵיין; וַוײַל דָארְט אִין מִדְבָּר אִיז נִיט גֶעוֶוען קֵיין זַאךְ - אִיז פַארְוָואס הָאט מֶען גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה דַוְקָא אִין אַזַא ווִיסְטְן מִדְבָּר?

אִין אַ מָשָׁל פוּן תּוֹרָה זַײַנֶען דָאךְ אַלֶע זַײַנֶע פְּרָטִים מְכוּוָן צוּם נִמְשָׁל. מוּז מֶען דָאךְ זָאגְן אַז דִי אַלֶע פְּרָטִים וָואס זַײַנֶען גֶעוֶוען אִין דֶעם מִדְבָּר הָאבְּן אַ שַׁײַכוּת צוּ מַתַּן תּוֹרָה. דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטֶער טַעַם אִיז דָאךְ נָאר אוֹיף דֶעם פְּרַט פוּן מָקוֹם הֶפְקֵר, נִיט אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע פְּרָטִים.

## An Indirect Answer

**2. When it comes to Torah study, a person** may **claim that various obstacles prevent him from studying.** He will offer all sorts of

ב. וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לִימּוּד הַתּוֹרָה, טַעֲנֶה'ט מֶען, אַז עֶס זַײַנֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע מְנִיעוֹת, וָואס שְׁטֶערְן צוּם לֶערְנֶען. מֶען

1. Cf. *Tehillim* 63:2.

2. See *Pesiksa D'Rav Kahana, Vayehi Beshalach,* quoted by *Rashi, Devarim* 8:4.

**excuses and peculiar rationalizations** for not studying.

**When a businessman is asked to establish fixed times for Torah study, he claims that this is not his arena. He is a businessman; his** role **is to give** ***tzedakah*** **and the like, not to study the Torah.**

**He knows that the distinctive virtue of a businessman is that he tears himself away in the middle of his business to recite the Afternoon Service. As is well known, this is the special quality that distinguishes the Afternoon Service,** one **so great that even** the Prophet **Eliyahu's** prayer **was answered only at the time of the Afternoon Service.**[3] **Thus, the businessman already possesses a very significant** spiritual **virtue. Why then** – he asks – **is he being pressed specifically to study Torah?**

**When he is asked to study** the daily **passage of** ***Chumash*** **with** ***Rashi's*** **commentary, let alone the** daily **lesson in** ***Tanya,***[4] **he** does not object in principle, but **claims that** ***Chassidus*** **requires that Divine service be ordered and structured. First, one should carry out all the** spiritual **tasks** relevant to **him, including reciting the Afternoon Service like the Prophet Eliyahu. After that, he will proceed** even **higher. He is not rejecting the study of** ***Chumash*** **with** ***Rashi's*** **commentary or** even ***Tanya*****. However,** he argues, **all in good time, when he finishes dealing with his** more immediate **concerns.** Then, he will be able to structure his life **in a properly ordered manner.**

**A similar** failing **may be present regarding a Torah scholar. He is asked** to study with total engagement to the extent that **"all [his] limbs will declare,** 'G-d, who is like You?!,'"[5] as it is written,[6] "This Torah scroll **will not depart** from your mouth day and night." **He,** too, **will not take exception** in

שְׁטֶעלְט צוּ פַארְשִׁידֶענֶע טַעֲנוֹת אוּן מְשׁוּנֶה׳דִיקֶע פַארְעֶנְטְפֶערוּנְגֶען.

וֶוען מֶען מָאנְט פוּן אַ בַּעַל עֵסֶק עֶר זָאל קוֹבֵעַ זַיְין עִתִּים לַתּוֹרָה, טַעֲנֶה׳ט עֶר אַז נִיט דָאס אִיז זַיְין עִנְיָן. עֶר אִיז אַ בַּעַל עֵסֶק אוּן זַיְין עִנְיָן אִיז צוּ גֶעבְּן צְדָקָה אוּן עֶנְלֶעכֶע עִנְיָנִים, אָבֶּער נִיט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

עֶר ווֵייסְט, אַז דֶער עִנְיָן פוּן אַ בַּעַל עֵסֶק אִיז צוּ אָפְּרַיְיסְן זִיךְ אִין מִיטְן עֵסֶק אוּן דַאווְנֶען מִנְחָה, אוּן ווִי בַּאווָאוּסְט אַז דָאס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן תְּפִלַּת הַמִּנְחָה, בִּיז אַז אוֹיךְ[לז*] אֵלִיָּהוּ לֹא נַעֲנָה אֶלָּא בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה, הָאט עֶר דָאךְ שׁוֹין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן עִנְיָן, אִיז פַארְווָאס יָאגְט מֶען אִים צוּ לִימּוּד הַתּוֹרָה דַוְקָא?

וֶוען מֶען מָאנְט בַּיי אִים עֶר זָאל לֶערְנֶען אַ פַּרְשָׁה חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, וֶוער רֶעדט נָאךְ דֶעם שִׁיעוּר תַּנְיָא - טַעֲנֶה׳ט עֶר, חֲסִידוּת מָאנְט דָאךְ עֲבוֹדָה בְּסֵדֶר וְהַדְרָגָה, אִיז פְּרִיעֶר וֶועט עֶר אָפְּטָאן בִּשְׁלֵימוּת אַלֶע זַיְינֶע עִנְיָנִים, בִּיז תְּפִלַּת מִנְחָה, אַזוֹי ווִי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא, אוּן נַאכְהֶער וֶועט עֶר גֵיין הֶעכֶער. עֶר זָאגְט זִיךְ נִיט אָפּ חַס וְשָׁלוֹם פוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י אָדֶער תַּנְיָא, אָבֶּער אַלְץ מִיט דֶער צַיְיט, לִכְשֶׁיִּפָּנֶה פוּן זַיְינֶע עִנְיָנִים, מִיט אַ סֵדֶר.

אַזוֹי אוֹיךְ אַ יוֹשֵׁב אֹהֶל, אַז מֶען מָאנְט בַּיי אִים כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה, לֹא יָמִישׁ וגו׳ אוּן דָאס גְלַיְיךְ - זָאגְט עֶר זִיךְ נִיט אָפּ פוּן דֶעם, נָאר עֶר טַעֲנֶה׳ט אַז עֶר דַארְף הָאבְּן

---

3. ***Berachos*** **6b.**

4. The Rebbe is referring to the daily study sessions of *Chumash* and *Tanya,* as ordained by the Rebbe Rayatz.

5. Cf. *Tehillim* 35:10; the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 48:3; *Tanya,* ch. 37, citing *Eiruvin* 54a.

6. *Yehoshua* 1:8.

principle. **However, he claims he must first prepare himself. First, he needs to sleep well, so that his mind will be rested.** Additionally, **he must be careful and** protect his health by **eating** only **refined food of superior quality and the like. As stated in** Rav Moshe **Alshich's** commentary[7] – **and similarly in *Rambam's* responsa[8] – when one eats refined foods of superior quality, it** helps to **refine one's** thinking. **After all these** preparatory steps are accomplished, **he will sit down and study.**

דֶערְצוּ הֲכָנוֹת, פְּרִיעֶר דַארְף עֶר זִיךְ אוֹיסְשְׁלָאפְן, וועט ער האבן א רוּאִיקֶע קָאפּ, עֶר דַארְף זִיךְ אָפְּהִיטְן, עֶסְן אֵיידֶעלֶע מַאֲכָלִים וכו׳,

- אִין אַלְשִׁיךְ[לח] שְׁטֵייט (וְעַל דֶּרֶךְ זֶה בִּשְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת הָרַמְבַּ״ם) אַז וועֶן מֶען עֶסְט אֵיידֶעלֶע מַאֲכָלִים אֵיידְלְט עֶס אוֹיס דִי קָאפּ -

אוּן נָאךְ דֶעם אַלֶעם וועֶט עֶר זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען.

## Absolute Trust

**3. The lesson of the Torah being given in a desert, "an arid and thirsty land without water,"** invalidates all these excuses. Such a setting teaches **that when it comes to the Torah, we must rely entirely on G-d.**

Before **the Giving of the Torah, the Jews left Egypt** and journeyed through **the desert, "a land that is not cultivated,"[9] without knowing how and with what they would be able to sustain themselves.** So lacking were they of the basic necessities of life that **they had** to **receive the manna through the merit of Moshe; the pillar of cloud,** which provided protection from the elements, **through the merit of Aharon; and the water, through the merit of Miriam.[10] They had to rely on the merit of these three *tzadikim;*** without their merits, they could not have maintained themselves. Yet, **specifically** in such a state, they did not busy themselves with trying to obtain their physical needs, but relied on G-d. Through this approach, **they became prepared to receive the Torah.**

**This is a lesson for us at present: We have to** simply **sit and study the Torah** without worrying about our material concerns, **relying on G-d.**

ג. אוֹיף דֶערוֹיף אִיז דִי הוֹרָאָה פוּן נְתִינַת הַתּוֹרָה אִין מִדְבָּר אֶרֶץ צִיָּה וְעָיֵף בְּלִי מָיִם, אַז בְּנוֹגֵעַ צוּ תּוֹרָה דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְלָאזְן אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

פּוּנְקְט ווִי צוּ מַתַּן תּוֹרָה זַיְינֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אִין אַ מִדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה, נִיט ווִיסְנְדִיק ווִי אוּן מִיט ווָאס זֵיי ווֶעלְן אוֹיסְקוּמֶען, - דֶעם מָן הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט בִּזְכוּת מֹשֶׁה, דֶעם עַמּוּד הֶעָנָן בִּזְכוּת אַהֲרֹן, אוּן ווַאסֶער בִּזְכוּת מִרְיָם[לט]. זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדַארְפְט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ זְכוּת פוּן דְרַיי צַדִּיקִים, אוּן דַוְקָא דַאן זַיְינֶען זֵיי גֶעווֶען גְרֵייט צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ הוֹרָאָה אוֹיךְ אִיצְטֶער פַאר אוּנְז, אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן ווֶעט דֶער

7. *Alshich,* ***Daniel*** **1:5.**

8. The exact source in *Rambam's* responsa has not been identified. See *Kesser Shem Tov,* secs. 186, 381, and the notes in the *Kehos* edition.

9. *Yirmeyahu* 2:2.

**10. *Taanis* 9a.**

אוּיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן כָּל הַמִּצְטָרֵךְ בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(משיחת חגה"ש, תשי"א)

When we live in this manner, **G-d will provide us with everything we need both materially and spiritually.**

לז*) ברכות ו, ב.
לח) דניאל א, ה.
לט) תענית ט, א.

# SHAVUOS V | חג השבועות ה

Adapted from a *sichah* delivered on the second day of Shavuos, 5718 (1958)

## Introduction

From the very first years of his leadership, the Rebbe established a practice known as the *tahaluchah* – literally, "parade." On the penultimate night of the festivals of Pesach, Shavuos, and Simchas Torah, he would send groups of chassidim to visit neighboring Jewish communities in Flatbush, Borough Park, Williamsburg, and even further afield. Their mission was simple but profound: to share Chassidic ideas and, more importantly, to share in the celebration of the Jewish festivals with fellow Jews.

The moments when the *tahaluchah* left Lubavitch headquarters at 770 Eastern Parkway were unforgettable. The Rebbe would stand at the entrance, watching as the entire parade of chassidim departed, encouraging them to sing as they marched forward. His presence there was not ceremonial – it was deeply personal. He would often come out again when they returned. He did so even on one occasion after the stroke that left him incapacitated.

Invariably, at the *farbrengen* that concluded the festival, the Rebbe would address the inevitable questions. Why send people out when they could be learning Torah at home? Why ask them to walk for hours when they could be resting? In response, he would explain the profound significance of the *tahaluchah* and offer words of encouragement to those who had undertaken the effort.

This practice continues today, decades after the Rebbe's passing. For younger chassidim who never witnessed the Rebbe standing at the doorway, and for those from other communities unfamiliar with this custom, the *sichah* that follows offers a window into the Rebbe's vision. It is not merely an explanation of a practice, but a teaching about boundless commitment, selfless giving, and the blessings that flow from placing G-d's mission above personal comfort.

# When Feet Lead the Way

## An Unusual Choice of Words

**1.** Our Sages[1] **teach, "If you extend (*pazarta*) your feet for the poor and for the *mitzvah,*** [you will merit the blessing,[2]] **'You will be blessed when you enter, and you will be blessed when you depart.'" Our Sages' choice of words requires explanation:**

**a) "For the poor" refers to** giving ***tzedakah.* Why then did the Sages say "for the poor and for the *mitzvah*"? Is the *mitzvah* of *tzedakah* not included in "the *mitzvah*"?** This is particularly problematic because **throughout the** ***Talmud Yerushalmi,***[3] **when the term *mitzvah*** is used without any further description, it **refers to *tzedakah.***

**On the surface,** the Sages **were alluding to the idea that *tzedakah* refers to all the *mitzvos*** as a whole, **for it is equivalent to all the *mitzvos.* However, that concept is expressly stated in the Talmud.**[4] **Why then did** the Sages **state it here merely as an allusion?**

**b) The verbs "walk" and "run" would be** more **appropriate** to use when speaking **of feet. What is the implication of the word *pazarta,*** **"extend"?**

א. עֶס שְׁטֵייט[מ] אִם פִּזַּרְתָּ רַגְלְךָ עַל הֶעָנִי וְעַל הַמִּצְוָה נִתְקַיֵּם עָלֶיךָ בָּרוּךְ אַתָּה בְּבוֹאֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ.

דִּיוּק הַלָּשׁוֹן אִין דִּבְרֵי רַזַ"ל דַארְף הָאבְּן בֵּיאוּר:

א) עַל הֶעָנִי מֵיינְט דָאךְ צְדָקָה, אִיז וָואס זָאגְט עֶר עַל הֶעָנִי וְעַל הַמִּצְוָה, צִי דֶען אִיז מִצְוַת צְדָקָה נִיט בִּכְלַל הַמִּצְוָה? אַדְּרַבָּה, צְדָקָה רוּפְט מֶען בְּכָל תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי סְתַם מִצְוָה[מא].

לִכְאוֹרָה אִיז עֶר דָא מְרַמֵּז אַז צְדָקָה אִיז ווִי כְּלָלוּת כָּל הַמִּצְוֹת, שְׁקוּלָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְוֹת. אָבֶּער דָאס שְׁטֵייט דָאךְ בְּפֵירוּשׁ אִין שַׁ"ס, וָואס דַארְף עֶר דָאס זָאגְן דָא בְּרֶמֶז?

ב) אוֹיף רַגְלַיִם פַּאסְט דֶער לָשׁוֹן הֲלִיכָה אָדֶער רִיצָה. וָואס אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן פִּזַּרְתָּ?

## The Language of the Limbs

**2. Generally, the human body is divided into three portions: the head, the trunk, and the feet. More particularly, it is divided into 248 limbs.**

**There are similar divisions regarding *mitzvos.***

ב. דֶער גּוּף הָאָדָם ווֶערְט פַּאנַאנְדֶערְגֶעטֵיילְט בִּכְלַל אִין דְרַיי טֵיילְן, רֹאשׁ, גּוּף אוּן רֶגֶל. בִּפְרָטִיּוּת, טֵיילְט עֶר זִיךְ אִין רְמַ"ח אֵבָרִים.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין מִצְוֹת, אַז

1. ***Derech Eretz Zuta,* ch. 9.** The *sichah* was delivered in appreciation of the chassidim who went on the *tahaluchah,* walking from Crown Heights to visit neighboring Jewish communities on the second night of Shavuos.

2. *Devarim* 28:6.

3. See ***Tanya,* ch. 37.** See *Talmud Yerushalmi, Pe'ah* 8:3, *Shekalim* 5d.

4. *Bava Basra* 9a.

**In detail, there are 248 positive commandments.** *Sefer Chareidim* actually **lists the *mitzvos* according to their corresponding limbs, each *mitzvah* in connection with the limb that aligns with it. In a more general sense,** the *mitzvos* **can be divided into three** groupings:

a) **those associated with understanding,** for example, **the knowledge of the greatness of the Creator, Torah study, and the like;** these correspond **to the head;**

b) **those associated with the feelings of the heart, the love and fear of G-d, and the love of one's fellow Jew;** these correspond **to the trunk;**

c) ***mitzvos* fulfilled through action, which are primarily connected with *kabbalas ol*** (acceptance of the yoke of G-d's kingship) **and** thus associated **with the feet.**[5]

**Understanding and feelings are limited.** Moreover, **even the *kabbalas ol* arising from understanding and feeling is limited.** In other words, the understanding and feeling that we **must accept the yoke of G-d's kingship is also limited. However, *kabbalas ol* as it exists in essence is unlimited.**

**This is the implication of the phrase, "extend your feet." "Extend" suggests boundless expansion. Where is there a possibility for "unlimited extension"?** In the realm of **feet, *kabbalas ol,*** i.e., **pure** *kabbalas ol*, **the feet** functioning **as feet,** independent of the influence of the mind and heart. **When the feet are connected with the mind and/or the heart, it is possible to walk, and, at most, to run. However, when the feet operate on their own, it is possible for them to extend and proceed in a** truly **unlimited fashion.**

בִּפְרָטִיּוּת טֵיילְן זֵיי זִיךְ אִין רְמַ"ח מִצְווֹת עֲשֵׂה,

- אִין סֵפֶר חֲרֵדִים טֵיילְט עֶר פַאנַאנְדֶער דִי מִצְווֹת לוֹיט דִי אֵבָרִים, יֶעדֶער מִצְוָה צוּ וֶועלְכְן אֵבֶר זִי אִיז שַׁיָּיךְ -

וּבִכְלָלוּת טֵיילְן זֵיי זִיךְ אִין דְרַיי: מִצְווֹת וֶועלְכֶע זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיטְן פַארְשְׁטַאנְד, ווִי יְדִיעַת גְדוּלַת הַבּוֹרֵא, תַּלְמוּד תּוֹרָה וכו' - רֹאשׁ. מִצְווֹת וֶועלְכֶע זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן מִיטְן גֶעפִיל פוּן הַארְץ, ווִי אַהֲבַת ה', יִרְאַת ה', אוּן אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל - גוּף. אוּן מִצְווֹת מַעֲשִׂיּוֹת וֶועלְכֶע זַיְינֶען פַארְבּוּנְדְן, בְּעִיקָר, מִיט קַבָּלַת עֹל - רֶגֶל.

פַארְשְׁטַאנְד אוּן גֶעפִיל זַיְינֶען בַּאגְרֶענֶעצְט. אוֹיךְ דֶער קַבָּלַת עֹל ווָאס קוּמְט דוּרְךְ הַשָּׂגָה אוּן הֶרְגֵּשׁ, דָאס הֵייסְט פַארְשְׁטֵיין אוּן פִילְן אַז מֶען דַארְף מְקַבֵּל זַיְין עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, אִיז עֶס אוֹיךְ בַּאגְרֶענֶעצְט. אָבֶער קַבָּלַת עֹל ווִי דָאס אִיז בְּעֶצֶם, אִיז בְּלִי גְבוּל.

אוּן דָאס מֵיינְט פּוּרְתָּ רַגְלְךָ, פּוּרְתָּ מֵיינְט - צֶעשְׁפְּרֵייטוּנְג, אוּמְבַּאגְרֶענֶעצְט. וֶוען אוּן וואוּ קֶען זַיְין "פּוּרְתָּ", בְּלִי־גְבוּל, - אִין "רַגְלְךָ", קַבָּלַת עֹל, רֵיינֶער "רֶגֶל" (רֶגֶל שֶׁבְּרֶגֶל) ווִי עֶר אִיז נִיט פַארְבּוּנְדְן מִיט מוֹחַ וְלֵב. וֶוען רֶגֶל אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט מוֹחַ וְלֵב, קֶען זַיְין אִין דֶערוֹיף הִילוּךְ, הֶעכְסְטְנְס, רִיצָה. בְּשַׁעַת אָבֶער עֶס אִיז רַגְלְךָ בְּעֶצֶם דֶעמָאלְט אִיז "פּוּרְתָּ" - בְּלִי־גְבוּל.

5. Regarding the connection between the feet and *kabbalas ol,* see *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 1032ff. (translated in *Lessons in Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 294ff.). See also *Likkutei Sichos,* Vol. 9, p. 75ff. (translated in *Selections from Likkutei Sichos,* Vol. 5, p. 136-137ff).

## Why Would One Put Aside His Heart and Mind?

3. How is such an all-encompassing commitment to ***kabbalas ol*** possible? **How can a person, a thinking being, bring himself to set aside his understanding and feeling, and** unreservedly carry out G-d's will to "**extend [his] feet**"?

The answer lies in the phrase, "**for the poor.**" When a person honestly **contemplates his own spiritual circumstances, he will see that he is poor, impoverished in knowledge. As such, there is no reason for him to take his intellectual conclusions into account. The same applies regarding the feelings of his heart. He will then be able to adopt the mode of** the prescription "**extend your feet**" **regarding *mitzvos* in general, and for "the *mitzvah*," i.e., the *mitzvah* of *tzedakah*, in particular. He will run with his feet, without making calculations, to give a Jew *tzedakah* in a material sense, and also to give *tzedakah* in a spiritual sense.**

ג. ווִי קֶען אָבֶּער אַ מֶענְטשׁ, אַ בַּר דַּעַת, פּוֹעֵל'ן בַּיי זִיךְ צוּ אַוֶועקְלֵייגְן זַיְין שֵׂכֶל וְהֶרְגֵּשׁ אוּן שְׁטֵיין אִין אַ תְּנוּעָה פוּן פַּזַּרְתָּ רַגְלְךָ?

אוֹיף דֶעם זָאגְט עֶר וַוייְטֶער - "עַל הֶעָנִי". עֶר זָאל זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיְין אִין זַיְין מַעֲמָד וּמַצָּב, וועט עֶר דַאן זֶען, אַז עֶר אִיז אַן עָנִי, עֶר אִיז אָרֶעם בְּדַעַת, וּבְמֵילָא הָאט עֶר נִיט וָואס צוּ רֶעכֶענֶען זִיךְ מִיט זַיְין שֵׂכֶל, וְעַל דֶּרֶךְ זֶה מִיט הֶרְגֵּשׁ הַלֵּב, אוּן עֶר וועט פּוֹעֵל'ן בַּיי זִיךְ דֶעם פַּזַּרְתָּ רַגְלְךָ, עַל הַמִּצְוָה בִּכְלַל וְעַל מִצְוָה סְתַם - מִצְוַת הַצְּדָקָה בִּפְרַט. עֶר וועט לוֹיפְן מִיט דִי פִּיס, אָן קֵיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, צוּלִיב גֶעבְּן אַ אִידְן צְדָקָה בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן צְדָקָה בְּרוּחְנִיּוּת.

## A Place for G-d's Blessing

**4. The reward for conducting oneself in this** manner **is: "You will be blessed when you enter, and you will be blessed when you depart."** In a Kabbalistic sense, **"when you enter" refers to an "arousal from Above," that precedes and empowers** man's **Divine service. "When you depart"** also **refers to the arousal from Above** but that which **follows and** was brought about by **the "arousal from below,"** i.e., by man's efforts.

This is where G-d's **blessing will be manifest. The arousal from Above will be far loftier than what is commensurate with man's efforts. In other words, after a person's unbounded efforts to "**extend [his] feet,**" he is given** a reward **far greater than his efforts.** Through his **consummate Divine service,** he brings about **"a complete place," and there, "the**

ד. דֶער שְׂכַר אוֹיף דֶערוֹיף אִיז: בָּרוּךְ אַתָּה בְּבוֹאֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ. בְּבוֹאֶךָ מֵיינְט דִי אִתְעֲרוּתָא דִלְעֵילָא וָואס קוּמְט פַאר דֶער עֲבוֹדָה אוּן אִיז אַ נְתִינַת כֹּחַ אוֹיף אִיר, בְּצֵאתֶךָ מֵיינְט דִי אִתְעֲרוּתָא דִלְעֵילָא וָואס קוּמְט נָאךְ דִי אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא.

אִיז אִין דֶערוֹיף דָא דֶער "בָּרוּךְ", אַז דִי אִתְעֲרוּתָא דִלְעֵילָא זָאל זַיְין אַ סַךְ הֶעכֶער ווִי כְּפִי עֶרֶךְ עֲבוֹדָתוֹ. דָאס הֵייסְט אַז נָאךְ זַיְין הָארֶעוֶוען אוּן אִין אַן אוֹפֶן פוּן "פַּזַּרְתָּ", בְּלִי־גְבוּל, גִיט מֶען אִים אַ סַךְ מֶער ווִי לוֹיט זַיְין הָארֶעווַאנְיֶע, וָוארוּם בַּאֲתַר שְׁלִים (שְׁלֵימוּת הָעֲבוֹדָה) -

**Holy One, blessed be He, rests."[6]**

קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא שַׁרְיָא[מב].

## Blessings for Those Who "Extended Their Feet"

**5. Our Sages' teaching cited above** must also be understood **according to its simple meaning.** Many here have **"extend[ed their] feet" in a literal sense. They went on the *Tahaluchah,*[1]** walking **a distance of several hours. In this time, they could have rested comfortably, occupying themselves with their own matters. Instead, they went out and "extend**[ed their] feet" **to give to the spiritually poor. May they be** granted the blessing, **"You will be blessed when you enter, and you will be blessed when you depart."** May they be blessed **when they "enter and depart"** – when they begin and when they conclude **each day, each week, each month, each year. So too,** may they be blessed **when they "enter and depart"** their **Divine service.** The **blessing when they enter** is **the empowerment granted from Above that they achieve success in their work** and **carry out their mission wherever they go. And the blessing "when they depart" is that upon completing the mission, they should see the success** of their labor, to borrow wording of our Sages,[7] **"You will see Your [place] in the World [to Come] during your lifetime."**

**May they also find success in their individual matters: in their study of the Torah, their meticulous observance of its *mitzvos,* and in their Divine service in prayer – the Divine service of prayer being the backbone of all one's** spiritual **undertakings.[8] And may they also find blessing in everything they need regarding their material concerns.**

ה. אֵין דְרָשַׁת רַזַ"ל הַנַ"ל יוֹצֵאת מִידֵי פְּשׁוּטָהּ: דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען בְּפּוֹעַל "פִּזַרְתָּ רַגְלְךָ", וָואס זַיְינֶען גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער תַּהֲלוּכָה אַ מֶרְחָק פוּן כַּמָּה שָׁעוֹת, וָואס אִין דֶער צַיְיט הָאבְּן זֵיי דָאךְ גֶעקֶענְט זִיצְן בִּמְנוּחָה אוּן זִיךְ עוֹסֵק זַיְין מִיט זֵייעֶרֶע עִנְיָנִים אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זַיְינֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין אַן אוֹפֶן פוּן פִּזַרְתָּ צוּלִיבּ מַשְׁפִּיעַ זַיְין לְעָנִי בְּרוּחְנִיּוּת, - זָאל בַּיי זֵיי זַיְין דֶער בָּרוּךְ אַתָּה בְּבוֹאֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ, בְּבוֹאֶךָ וּבְצֵאתֶךָ פוּן יֶעדְן טָאג, פוּן יֶעדֶער וָואךְ, פוּן יֶעדְן חוֹדֶשׁ אוּן פוּן יֶעדְן יָאר, אוּן אוֹיךְ בְּבוֹאֶךָ וּבְצֵאתֶךָ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדָה, אַ בְּרָכָה בְּבוֹאֶךָ, בִּנְתִינַת הַכֹּחַ מִלְמַעְלָה צוּ מַצְלִיחַ זַיְין אִין זֵייעֶר אַרְבֶּעט בְּמִילוּי הַשְּׁלִיחוּת וואוּהִין זֵיי גֵייעֶן, אוּן אַ בְּרָכָה בְּצֵאתֶךָ, אַז נָאךְ דֶער עֲבוֹדָה אִין זֵייעֶר שְׁלִיחוּת, זָאלְן זֵיי זֶען פְּרִי טוֹב בַּעֲמָלָם, עוֹלָמְךָ תִּרְאֶה בְּחַיֶּיךָ[מג],

אוּן מַצְלִיחַ זַיְין בְּעִנְיְנֵיהֶם הַפְּרָטִים - אִין לִימוּד הַתּוֹרָה אוּן אִין קִיּוּם הַמִּצְוֹת בְּהִידּוּר וּבַעֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, וָואס דִי עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה אִיז דֶער חוּט הַשֶּׁדְרָה פוּן אַלֶע עִנְיָנִים[מד], אוּן אוֹיךְ בְּרָכָה בְּכָל הַמִּצְטָרֵךְ לָהֶם בְּכָל עִנְיְנֵיהֶם הַגַּשְׁמִיִּים.

(משיחת חגה"ש, תשח"י)

---

**6.** See *Zohar,* Vol. III, p. 90b. **Note *Likkutei Torah, Shir HaShirim,* p. 24a, regarding the three levels of arousals from Above:** one that precedes and makes possible man's Divine service, one that comes about because of man's Divine service and corresponds to it, and one that is granted because of the "complete place" brought about by man's Divine service, but which transcends that service.

**7. *Berachos* 17a,** i.e., in the context used by the Rebbe, that they will enjoy seeing the success of their outreach work in their lifetime.

**8. *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 70d.**

מ) דרך ארץ זוטא פרק ט.
מא) תניא פרק לז.
מב) עיין לקוטי תורה שיר השירים כד, א בענין ג׳ דרגות באתערותא דלעילא.
מג) ברכות יז, א.
מד) לקוטי תורה פרשת בלק (ע, ד).

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editor*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie